ט"ו סיון תשפ"ב

מאנאטליכע אויסגאבע פאר די גאנצע פאמיליע

# פאמיליע

6/16/22 | באנד 43 - נומער 32 (134)




פרייז
$8.50
UK £8.00
א"י: ש 22

## פאמיליע באלעבאסטע

לכבוד די חשוב'ע ארויסגעבער פון דער רייכער פאמיליע אויסגאבע,

איך וויל נעמען די געלעגנהייט אויסצודריקן מיינע דאנק-געפילן (וואס עכט וואלט איך געדארפט טון אפטער) פאר די אלע באלערנדע ארטיקלען, שפאנענדע פארזעצונגען און באַטעמ'טע רעצעפטן!

איך וויל נאָר מעורר זיין אַז ביים געשמאקן מילכיגן Chocolate Chip Cookies רעצעפט, וואָס איז ערשינען אין דער אייר אויסגאבע, דארף מען לויט דער הלכה מאכן א סימן אויף דער cookie אליין אז ס'איז מילכיג אז מ'זאל חס ושלום נישט נכשל ווערן אין בשר בחלב.

**יישר כח**

הוצאות אויסער די טאג-טעגליכע ווירטשאפט וואס עס קאסט אפ אויפצוהאלטן א שולע.

מיר האבן געמיינט אז אויב מען וועט האבן א בנין וועט מען זיי געהאלפענע. פאר דער פרי-סקול האט זיך א חשוב'ער נדבן מרחם געווען און געלאזט בויען א הערליכן בנין איינגעריכטעט פון שענסטן און בעסטן. קוים אריינגעמופט, דער זומער האט זיך אנגערוקט און דער עיר קאנדישאן האט נישט גענוג עלעקטרישע קראפט פון דער צענטראלער עלעקטריציטעט - מוטשעט מען זיך מיט היצן.

ווען א דרויסנדיגע ליינט עס קען זיך דאכטן אז דאס איז פיקטיוו, אבער מיר זענען שוין צוגעוואוינט דערצו. דאס איז אונזער מציאות; ארץ ישראל נקנת ביסורים, אבער מיר ווען נישט פארטוישן די יסורים פאר אנדערע גליקן.

**אן ארץ ישראל'דיגע ליינערן**

## נישט פונדערווייטנס

כ'האב געליינט מיט אינטערעס איבער דער נושא פון על טהרת הקודש וואס איז געלאפן ביי ענק. יעצט וויל איך עפענען דעם 'קאנווערט' פון דער אנדערער זייט.

די שולע 'וואוינונג' איז פלאצירט אין קאראוואנען, (פראוואזארישע מאבילס) וואס האלטן נישט אויף צו לאנג, ס'איז דיספאזעבל, אבער דאס צו באזייטיגן און קויפן נייע קומט נישט אין באטראכט, איז מען כסדר פארנומען צו פאררעכטן און פאלאטן די פארקראכטע ווענט. דא פלאצט א רער, דא דארף מען אונטערהאלטן א וואנט וואס פאלט שיעור צאם, און מען ענדיגט נישט; ווי נאר מען האט פארראכטן איין זאך זענען נאך צוויי זאכן צאמגעפאלן. מען מאכט א לאטע אויף א לאטע. און פארשטייט זיך אז דאס קאסט אפ א מיאנטיק. און וואס האבן מיר פון דעם? אזויפיל אז די מיידלעך זאלן האבן וואו אראפצולייגן זייערע טעשער און אויסהערן א שיעור.

און אזוי ווי מיר האבן נישט קיין זאל אויף צוזאמענקומען, דארף מען כסדר דינגען זאלן ביי יעדער געלעגנהייט: ביי לערערינ'ס אסיפה, אסיפת הורים, א דרשה פאר דער סעמינאר, א מסיבה, פארשטעלונגען, אד"ג. יעדעס מאל קאסט עס $400 $500- און די זאלן ווילן נישט וויסן פון קיין 'לשם מצוה'. צומאל לאזן זיי אראפ עטליכע דאלער, אבער רוב מאל צאלט מען דעם פולן פרייז. דאס אַלעס זענען זייטיגע

יישר כח פאר אייער ארבעט. איך וויל זיך עקסטער באדאנקען פאר אייערע עדווערטייזמענטס. איך פרוביר נישט צו קוקן קיין אנדערע עדווערטייזמענט ביכלעך, אבער אז איך נעם אריין דאס אין שטוב צו ליינען זע איך אז איר גיט אכט אויף וואספארא עדווערטייזמענטס איר נעמט אריין.

איך וויל באמערקן אויף איין ארטיקל וואס לויפט, 'נישט פונדערווייטנס', פון דעם איד וואס האט געמאכט אן 'עליה' קיין ארץ ישראל צו גיין לערנען דארט נאך דער חתונה. ס'איז פון אנפאנג אן מיר געווען אינטערעסאנט אז 'פאמיליע' האט אריינגעשטעלט אזא ארטיקל, ווען ס'פאסט מער פאר אנדערע נישט-היימישע אויסגאבעס צו שרייבן איבער אזא נושא.איך ליין דאס טאקע נישט יעדן חודש. איך האב נאר פאריגן חודש באמערקט, ווען איך האב עס דורכגעבלעטערט, איין שורה וואס שטייט: 'לערנען אין כולל מיינט נישט קוועטשן די באנק'... דאס איז ווי ארויפגעלייגט א נאסן ליילעך אויף גאנץ אמעריקע. אנדערע זאכן ווייס איך נישט, איך קען נישט ארץ ישראל, אבער איר קענט אריינגיין אין וויליאמסבורג אין יעדן כולל און אראפקוקן פון ווייבער שול, זיך איבערצוצייגן ווי עס זיצן דארט הונדערטער יונגעלייט און לערנען פלייסיג, מ'הארעוועט אריין און מ'פלאגט זיך אויך מיט געלט. דא צאלט מען סאך ווייניגער געלט אין די כוללים ווי אין ארץ ישראל ווייל די פרויען ארבעטן. למעשה זיצט מען און מ'לערנט פון צופרי ביז ביינאכט, ס'איז נישט דא קיין זיצן און שמועסן און מ'מיינט עס באמת לשם שמים.דאס איז אין איין כולל וואו איך בין געווען. ס'זענען זיכער דא נאך אסאך כוללים אויף אַזעלכע דרגות. מ'דארף באמת

אריינטראכטן צי מ'זאל לאזן דעם ארטיקל לויפן און וויאזוי מ'קען תשובה טון אויף אזא זאך.א גרויסן יישר כח פאר אייער ארבעט. מ'זעט אז ס'גייט אריין אסאך כוחות. זאלט איר האבן אסאך הצלחה אויף ווייטער.

***ענטפער פון דער רעדאקציע:***

*יישר כח פאר אייער הערה. מיר ווילן נאר קלארשטעלן דעם שטאנד פון דער פאמיליע וואס טיילט מיט זייערע איבערלעבענישן. דא רעדט זיך נישט פון אַ יונגערמאן וואס האט געמאכט אן 'עליה' גלייך נאך דער חתונה. עס רעדט זיך פון אַ חשוב'ן איד אסאך יארן נאך דער חתונה וואס איז אויפגעוואקסן אין ארץ ישראל אלס קינד, און אלע שפעטערע יארן אויפוואקסנדיג אין אמעריקע האט ער געצויגן צוריק אהין, צום תורה'דיגן לעבן מיט וואס מען לעבט באמת אזוי.*

*נאכן זיך אריבערציען פון אמעריקע קיין ארץ ישראל מיט א שטוב מיט קינדער קע"ה האבן זיי מסכים געווען צו עפענען א טיר און מיטטיילן מיט די ליינערס זייער בליק אויפן ארץ ישראל'דיגן לעבן, אזוי אנדערש ווי דער לעבנסשטייגער דא, נאכן בייוואוינעןביידע סארטן לעבנסשטייגערס פונדערנאנט.*

*די אלע געשעענישן האבן וויקליך פאסירט און געבן אונז א נענטערן בליק ווי אנדערש דאס לעבן ווערט געפירט אין יעדער סביבה, בפרט אין ארץ ישראל.*

■

איך וויל זיך צום ערשט באדאנקען פאר דער הערליכער אויסגאבע. מיר האבן הנאה יעדן חודש דערפון.

איך האב זייער א גרויסע הערה אויפ'ן חודש'ליכן קאלום 'נישט פונדערווייטנס'.

קומטס נאר אריין אין וויליאמסבורג פאר איין טאג וועט איר זען וואס דא טוט זיך. אפשר די שרייבערין וואס וואוינט אין ארץ ישראל ווייסט נישט, אבער דא אין וויליאמסבורג איז אן עיר ואם בישראל מיט תורה ועבודה. ס'איז נישט דא קיין ווערטער וואס קען אראפמאלן וואס טוט זיך אין וויליאמסבורג. נעמט מען א שטאט אזויווי וויליאמסבורג, אדער קרית יואל, נישט קיין חילוק, און מ'רייסט עס אראפ און מ'זאגט תורה איז דא אין ארץ ישראל. זיך פלאגן אויף תורה איז נאר אין ארץ ישראל. דאס טוט מיר זייער וויי. אין דער צייט וואָס עס זענען דא דא פילע שיינע כוללים, און אפילו אַזעלכע וואָס פאַרמאָגן אַזויפיל ווי 800 יונגעלייט קעיה"ר. קען מען זאגן אויף ווילאמסבורג אז מ'ווארפט זיך דא מיט עסן?! עס קומט אן מילך צו דער טיר און מ'גיסט עס אויס אויף די גאסן?! איר ווייסט, עס קאסט $4.00 א פלעשל מילך. קען מען זאגן אז מ'גיסט אויס מילך ביי דער טיר? איך ווייס פערזענליך פון מענטשן וואס האלטן זיך אפ פון קויפן מילך ווייל עס קאסט געלט און גייען צו די שכנים אפנעמען 'איבריגע' מילך. ווער רעדט נאך פון דעם אז 'אמעריקאנער טשיז' גיט מען נישט פאר קינדער נאר לכבוד ראש חודש ווייל עס קאסט $10 א פעקל פון 24 רעפטלעך! קען מען זאגן אז אין אמעריקע הענגט מען סלייס-טשיז אויף דער וואנט, ווען אפילו קאטעדזש טשיז האלט מען זיך אפ פון קויפן, וואס דאס איז זייער א געזונטע מאכל, און עס קאסט באלד $7 א שאכטל דערפון.

ווי קען מען זאגן אז אין אמעריקע ווארפט מען זיך מיט עסן??

אין אמעריקע איז דא תורה... אין אמעריקע פלאגט מען זיך... ווער ווייסט דען נישט אז דא צאלט מען $2,000 דאלער רענט א חודש.

## א ווילאמסבורגער ליינערין

***ענטפער פון דער רעדאקציע:***

*עס איז גאר אינטערעסאנט צו הערן און ממש אומגלויבליך אז היינטיגע צייטן אין אמעריקע קלאפט מען אריין צו די שכנים פאר מילך. אדרבה, אפשר קענט איר שרייבן מער פרטים דערוועגן אין דאס ווען מעגליך זיין דאס קומענדיגע טאג-בוך?*

*די סעריע ארטיקלען 'נישט פונדערווייטנס' ברענגט פשוט ארויס דעם אלגעמיינעם לעבנסשטייגער פון רוב עולם. אין אמעריקע הערשט א גייסט פון לוקסוס, ברייטקייט, שיינקייט א.א.וו. און די מערהייט טאנצט עס נאך טראצדעם וואס פילע וואס לעבן אזוי קענען זיך עס אמת'דיג נישט ערלויבן. דערפאר איז זייער אוממערקבאר דער קליינער פראצענט מענטשן וואס גייען נישט מיטן שוואונג.*

*אין ארץ ישראל איז די גאנצע מענטאליטעט בגשמיות שפארזאם, אויסגערעכנט, פשטות א.א.וו. וואס די מערהייט לעבט אויף דעם וועג. און אפילו ווער עס קען זיך יא ערלויבן, זענען די השגות פון נויטווענדקייט נישט ווי אין אמעריקע.*

*עס קען זיך טרעפן א משפחה וואס האט די לוקסוס פון אן עיר קאנדישאן אין עטליכע צימערן, אבער עס ווערט באנוצט נאר אין די גאר-הייסע טעג, און נאר אינעם צימער וואו מען וועט זיך דאן געפינען.*

*אוודאי זענען אין אלע ערטער פארהאן אלע סארטן מענטשן, לעבנסשטייגערס, געדאנקענגאנג און מעשים, אבער דא רעדן מיר פונעם ברייטערן בילד, וואס דער בליק איז אויפן סטאנדארט אין יעדן ארט.*



איבערגעפלאנצט דעם ריינעם חינוך

# פון שווייץ קיין לאנדאן



זכרונות פון האשה החשובה
**מרת שרה ישׂשכרוף** ע"ה
אשת הרה"ח ר' דוד ציון ז"ל

*באשריבן דורך אן אייניקל מרת א. אייזענבאך*

ויהי חיי שרה מאה שנה ועשרים שנה...

די תורה רעכנט אויס אלע לעבנס-טעג פון שרה אמנו, צו לערנען אז אלע טעג האט זי אויפגעלעבט און אויסגענוצט לטובה, די שעות און מינוטן.

די באבע שרה, איר יארצייט פאלט אויס ח"י סיון ווייל אויך זי איז געגאנגען אין פוסטריט פון די אמהות אויסניצנדיג און אויפלעבנדיג יעדן טאג און יעדע מינוט!

זאל זי זיין א מליצת יושר פאר אונז אלעמען - שרה בת ר' אברהם שלמה ז"ל.

באבעשי... איך זע איר נאך ביז היינט זיצן אין שבת-צימער, איר פארגעלטע תהלים'ל מיט די פארגרעסערטע אותיות ליגנדיג אויפן געשטריקטן טישטוך - אויף איין זייט דיברילן, אויף דער אנדערער זייט א הייסע טיי. די באבע שעפשעט תהלים ווארט-ביי-ווארט. אנגעהויבן האט זי פון ערשטן קאפיטל און נישט אפגעלאזט ביז זי האט דערגרייכט דעם אונטערשטן דעקל. געדאוונט האט זי פאר אירע קינדער, אייניקלעך, און ווען נאך ס'איז איר באוואוסט געווען אז זיי ווארטן אויף א ישועה.

דעמאלטס אלס קינד און אלס יונגע ווייבל האב איך נישט געוואוסט פון וואו עס שטאמט מיין זארגלאז געפיל, ווי איך וואלט פארמאגט א רייכן פעטער וואס זארגט זיך פאר אלע מיינע געברויכן נאך פאר איך אליין שפיר דעם נויט. איך האב דעמאלטס נאכנישט געהאט קיין אנונג ווי לעבנסוויכטיג זענען איר הארציגע תפילות. ערשט שפעטער ביי דער שבעה האט מען גערעדט אז די באבע פלעגט יעדן טאג אויסרעכענען יעדעס קינד און יעדע פון די פילצאליגע אייניקלעך כ"י ביים נאמען מיט דער מאַמע'ס נאמען. אויך די אלע בקשות פון אונז האט זי געקענט אזוי גוט און אפשר נאך בעסער ווי זי האט געקענט איר אייגענע בקשות. זי האט געזאגט פאר יעדן קינד און אייניקל א באַזונדערן קאפיטל תהלים, מיט אלע זייער אייגנארטיגע בקשות. דערנאך פלעגט זי צוענדיגן מיט די ווערטער: "יהי רצון אז די קינד זאל טרעפן זיין צופרידנהייט אין תורה לערנען!"

מען זאגט טאקע אז באבעשי'ס תפילות האבן אזוי געווירקט, אז די קינדער, ביז'ן היינטיגן טאג, געפינען נישט קיין סיפוק און וועלטליכע הנאות. נאר די תורה באפרידיגט זייערע אינערליכע געברויכן...

פון שטענדיג אַן גערעדנק איך באבעשי, ארומגענומען אין א וואלקן פון קורת רוח. נעבן איר האט מען געשפירט א זיכערקייט, און א צוטרוי, אז אלעס איז גוט און ס'וועט זיין אלעס און בעסטער ארדענונג.

אין א געוויסער תקופה האב איך געהאט דעם כבוד אז באבעשי איז אייגעשטאנען ביי מיר אויף עטליכע טעג. עס איז פשוט געווען א פארגעניגן אויסצוהערן איר מעשה'לעך וועגן אירע קינדער-יארן, און דעם אנגענעמעם אופן מיט וואס זי האט מיר געגעבן טיפס וועגן מיינע שטוב-ווירטשאפט.

שבת צופרי האט זי מיך קאמפלימענטירט אויף מיינע צירונגען, האב איך גענומען קוראזש און איר געגעבן א פרעג: "פארוואס גייט נישט באבעשי מיט א קייטל אדער אנדערע צירונגען?"

און די באבע האט דאַן אויפגעדעקט א קאפיטל פון איר לעבן:

"קוק, איך וועל דיר זאגן. נישט יעדער דארף טון וואס איך טו - זיך נישט אנטון קיין צירונג, נאר ביי מיר איז עס א ספעציעלע הנהגה, וואס איך האלט זיך צוריק פון דעם." די באבע האט אפגעכאפט איר אטעם אין ארײַן אן אנדער וועלט.

"איינמאל האב איך באקומען א שרעקליכן דיאגנאז פון א דאקטאר וועגן א געוואוקס וואס נעסטעוועט ביי מיר אין גוף ר"ל. מען האט מיך געשיקט מאכן אונטערזוכונגען פון טעסטן פון אלע סארט, ווען איך ווייס נישט וואס דער מארגן און אפילו היינט וועט ברענגען מיט זיך. איך האב שטארק געציטערט דערפון, און געשפירט אז איך מוז דא עפעס טון פאר מיין געזונט. נאכ'ן מאכן א חשבון הנפש בין איך צוגעקומען צו א באשלוס. 'רבש"ע,' האב איך געזאגט, 'די אלע צירונג דא גיב איך דיר אוועק אלס א קרבן. פאר מיר איז דאס איבריגע מותרות, וואס גיט נישט צו צו מיין צניעות אלס אידישע טאכטער. איך וועל זיך צוריקהאלטן פון דעם, און זאל עס זיין פאר מיר א זכות פאר א ישועה און א רפואה.'

"זאגנדיג די ווערטער האב איך געשפירט א פארלייכטערונג, ווי א שטיין וואלט אראפ פון הארץ. און ב"ה, פון דער גאנצער איבערקערעניש ארום דעם געוואוקס איז גארנישט געווארן!"

באבעשי טייערע, זיכער וואלט א פערל-קייטל צוגעגעבן צו דיין אריסטאקראטישן אויסזען, אבער פאר דיין שמחת החיים און ליכטנדיגע געזיכט האט עס שוין נישט אויסגעפעלט. דיין צירונג וואס פעלט האט קיינער אפילו נישט באמערקט...

אין דיין ליכטיגן פלאץ אין גן עדן ביסטו באצירט מיט די שענסטע צירונגען וואס דו האסט געפלאכטן מיט דיינע מצוות ומעשים טובים!

## קענט איר אונז דערציילן פון דער באבע'ס קינדער-יארן אין שווייץ?

אין יאר תרצ"ח, אין סאמע ברען פון צווייטער וועלט מלחמה, איז א זיס לעכטיג מיידעלע געבוירן געווארן. די מאמע האט גענומען דאס איינגעהילטע פעקעלע אין האנט, צוגעדרוקט צום הארצן, איבערגיסנדיג הויפנס ליבשאפט וואס נאר א פרישע קימפעטארן קען געבן.

זי האט גענומען די קליינע הענטעלעך אין איר האנט - דאס רעכטע הענטעלע קודם - צוגעלייגט צום פנים צו שפירן דאס ווייכע הויט אויף אירע באקן, אבער זי בלייבט שטעקן אינדערמיט. אוי געוואלד, וואס איז געשען דא? די מאמע האלט דאס הענטעלע און באטראכט עס אין שאק. דאס קינד איז געבוירן געווארן מיט א געבורט-פעלער; איר רעכטע האנט ביים פויסט איז געווען ווי איין שטיק, א מום וואס האט איר באגלייט לעולם ועד.

די באבע אדל איז נישט געווארן היסטעריש, און זי האט נישט אויפגעהערט צו דאנקען און לויבן דעם באשעפער אז זי קען האלזן א געזונט קינד. דער געבורט פעלער איז געווען קליין און נישטיג קעגן דער גרויסער סכנה און געוואלדיגע ניסים וואס דער

מיט אמאל איז מיר איינגעפאלן א געדאנק: איך וועל אים צושטעלן אזעלכע תנאים, אז ער זאל זיין דער וואס זאגט מיך אפ...

אויבערשטער האט געטון צו איר ווען דאס קינד איז געבוירן!

די באבע האט שטערקער צוגעדרוקט דאס פיצלס צו זיך. "זארג נישט, מיין טייער קינד," האט זי אריינגעשעפשעט אין דעם קליינעם אויער, "מיר וועלן דיר העלפן מיט וואס מיר קענען. עס וועט דיר גארנישט פעלן אויסער א גאנצע האנט! דאס פיצלס האט נישט פארשטאנען וואס איז דאס געטועכץ ארום איר, אבער דאס הארץ-שפראך פון א מאמען האט זי זייער גוט פארשטאנען.

אויך דער זיידע, ר' אברהם שלמה קאוואלסקי ז"ל, האט איר אנגענומען מיט ליבשאפט און געטריישאפט. מען האט איר געהאדעוועט מיט זעלבסטזיכערקייט אז זי האט קיינמאל נישט געהאט דאס געפיל אז עס פעלט איר עפעס. זי איז שטענדיג געבליבן די בת זקינה, די קליינע שרה'לע מיט וועמען מען האט זיך געטשאטשקעט.

(דער זיידע, ר' אברהם שלמה קאוואלסקי ז"ל, איז שוין געווען באשריבן אין די פארגאנגעהייט וויאזוי ער האט מקבל פנים געווען דעם סאַטמאַרער רבי זי"ע אנקומענדיג קיין שווייץ פון בערגן-בעלזן מיט א טערמאס טיי זיך צו דערכאפן דאס הארץ.)

אין די יארן ווען די באבעשי איז געבוירן געווארן, האט דער צורר היהודים היטלער ימ"ש באפוילן אז יעדעס אידישע מיידל וואס ווערט געבוירן מוז גערופן ווערן שרה, מען זאל גלייך דערקענען איר שאנדע אויפ'ן געבורטס שיין אז זי געהער צום פארהאסטן פאלק. מענטשן פלעגן פרובירן באהאלטן זייערע אידישע נעמען, שפירנדיג זיך מינדערוויכטיג מיט דעם. אבער ווען ר' אברהם שלמה האט זיך דערוואוסט פון דער גזירה, האט ער אויסגערופן מיט שטאלץ אז ער וועט דוקא יא געבן א אידישן נאמען, און דוקא שרה, וואס מיט דעם האט דער רשע אונז געוואלט פארשעמען, וועט ער געבן מיט שטאלץ! דאס איז געווען איר ערשטע חינוך לעקציע פון איר חשוב'ן טאטן. אין א וועלט צווישן גוים צו וועמען מען וויל זיך חנפ'ענען, זאל מען זיין שטאלץ צו געהערן צום עם הנבחר.

מען האט אהיימגעברענגט דאס פיצלס פון שפיטאל, גלייך צו א שטוב פון אורחים און פליטים. שוין פון אלס פיצל קינד איז זי איינגעוואוינט געווארן צו דער מצוה פון הכנסת אורחים; פון אירע ערשטער מינוט אין לעבן האט זי שוין געהערט ארום זיך דעם רעש פון פרעמדע מענטשן פון אלע קרייזן און שיכטן, טייל פון זיי מער אַנשטענדיגע און טייל פארלאזטע גייסטיש-קראנקע.

שרה'לע איז שוין צוויי יאר אלט, מען דארף שוין זארגן פאר א בעטל פאר איר צו שלאפן. אבער אין א שטוב אנגעלייגט מיט מאטראצן, בעטגעוואנט, רענצלעך און פערזענליכע צוגעהערן פון די פרעמדע איז שוין נישט געבליבן קיין פלאץ פאַר איר בעטל אפילו איין איינציגע באלאטע אויף דער ערד! וואס טוט מען? זאל מען פארשיקן די פליטים וואס האבן זיך קוים ארויסגעדראפעט פון דעם נאצישן גיהנם איבערלאזנדיג דארט זייערע טייערע און באליבטע?

דאס איז נישט געקומען אין באטראכט, ווען רוב פון זיי זענען געווען אומלעגאלע איינוואוינער אין שווייץ.

א בעטל? דאס איז א קליינער פראבלעם קעגן די צרות און הריגות וואס די אידישע קינדער האבן ליידער געהאט אויסצושטיין.

די איינציגע ליידיגע פאָר צענטימעטער אין הויז איז געווען אין... וואנע! וועט מען דאס אויסבעטן פאר א בעטל. דארט איז געווען דער געלעגער פון דער קליינער שרה'לע און עס האט איר גארנישט געפעלט ווייל זי האט געהאט געטרייע טאטע און מאמע וואס אזויפיל אנדערע אין איר עלטער אין אייראפע האבן דאס ליידער נישט געהאט.

דאס איז געווען דער חינוך וואס באבעשי'ס הארץ האט אויפגעכאפט אין איר פריסטן יוגנט, אויפוועקנדיג זיך אין וואנע, ווען פליטים דרייען זיך דארט ווי ביים טאטן אין וויינגארטן. און דאס איז נישט אפגעמעקט געווארן ביי איר אויך צענדליגער יארן שפעטער. דעמאלטס ווען זי האט אויפגעשטעלט איר אייגענע שטוב, האט זי עס אוועקגעשטעלט מיט דעם זעלבן פרינציפ פון כל דכפין ייתי וייכול; די טיר איז געווען אפן פאר יעדן איד.

אויך אירע געשוויסטער האט מען נישט "פארפעטשעט" מיט אן אייגענעם בעט... איינע פון די שוועסטערס האבן זיך אויסגעדרוקט: "ביי אונזערע עלטערן איז הכנסת אורחים געווען אלעמאל איינגעבאקן אין זייער גאנצן וועזן. מען האט אונז אויסגעלערנט צו ברענגען צום טיש, אראפנעמען, און אפילו באגלייטן די ארימעלייט און זיי אנווייזן ביי וועלכער טיר מען קען אנקלאפן צו באקומען א נדבה. מיר האבן געוואוסט אז דאס איז ביי די עלטערן די חשוב'סטע זאך. עס איז נישט געווען אזא זאך ווי האבן פריוואטקייט, אדער א שטילן ווינקל. שטענדיג האט דאס הויז גע'רעש'ט. ווען מיר האבן חתונה געהאט אין אונזער אייגענער דירה הערשט דעמאָלטס האבן מיר זיך אויסגעלערנט וויאזוי מען שלאפט אויף א געהעריגן בעט אליין, אָן א שוועסטער וואס זאל שטויסן ביי די פיס..."

צווישן די פילע אורחים וואס זענען איינגעשטאנען ביים זיידן אין שטוב זענען געווען רבנים און שיינע אידן. אין דער שווייצער וויסטעניש איז דעם זיידנ'ס הויז געווען אן אינזל פון כשרות און יראת שמים, מען האט געוואוסט אז מען קען רואיג עסן פון דער באבע'ס קיך. אויך דעם זיידנ'ס שחיטה איז געווען א שם דבר אלס אויסגעהאלטן.

אלס קליין קינד האט באבעשי געהאט די זכי' צו ווערן געבענטשט דורכ'ן הייליגן סאטמארער רבי זצ"ל. ער האט געלייגט זיינע הייליגע הענט העכער איר קאפ (נישט אנרירנדיג) און אנגעוואונטשן ווארימע ברכות, וואס האט משפיע געווען אויף אירע שפעטערדיגע צדקות און אויסערגעוויינליכע כוחות הנפש.

## ווי אזוי האט זיך די באבע געהאלטן פעסט אין דער מאדערנער שווייץ?

דאס איז אלעס צו פארדאנקען דעם ריינעם חינוך וואס די עלטערן האבן אוועקגעשטעלט אָן קיין פשרות. ס'איז איבערהויפט נישט געווען גרינג. אין יענער צייט איז שווייץ געווען א מדבר שממה, עס האט געהערשט א קאלטע און אויסגעטריקנטע אידישקייט. ווער רעדט נאך פון חסיד'ישקייט. דאס איז בכלל נישט געווען. אבער דער זיידע, ר' אברהם שלמה האט געפירט זיין שטוב אין זיין אייגענעם אינזל. עס האט אים גאנץ קנאפ אינטערעסירט וואס עס טוט זיך ארום אים.

ווען די קינדער זענען געווען קליין האבן זיי זיך געשעמט צווישן די חבר'טעס, מיט'ן טאטנ'ס בארד-און-פאות. אבער די מאמע איז געווען שטאלץ מיט דעם און אויך ארייַנגעגעבן די שטאלץ אין די קינדער. "עס וועט נאך קומען א טאג ווען יעדער וועט שעצן טאטי'ן," פלעגט זי זיי זאגן. איר נבואה איז טאקע מקויים געווארן. נאך דער מלחמה ווען שווייץ האט אנגעהויבן צו פארפלייצט ווערן מיט ערליכע אידן, ווי מרן הרה"ק מסאטמאר זי"ע, איז דער זיידע געווען דער "שיינער איד" אין שווייץ. דעמאלטס האט דער הייליגער בית ישראל זצ"ל אים געגעבן דעם צונאמען "דער שווייצער רבי". און מיט דעם טיטל איז ער שוין פארבליבן.

דער זיידע איז נישט נאר געווען פרום פאר זיך נאר ער האט פארזיכטיג נאכגעקוקט די קינדער און געמאכט זיכער אז זיי גייען אין ערליכע וועגן. אמאל ווען ער האט געזען ביי די מיידלעך א קלייד וואס ער האט געשפירט אז עס שטימט נישט מיט די גדרי צניעות, האט ער פשוט גענומען א שערל און צעשניטן... פאר די טעכטער האט עס אויפן פלאץ זייער נישט געפאַלן, אבער שפעטער האט זיך ארויסגעוויזן די ריכטיגקייט פון זיין גאנג ווען יעדע איינע פון זיי איז אויסגעוואקסן אן ערליכע אידישע טאכטער, וואס היט די צניעות מיט דער פולער פראכט און שטאלץ!

אין יענע יארן ווען גאנצע דורות זענען נעבעך פארלוירן געווארן צווישן די פעלקער, איינציגע האָבן זוכה געווען זיך ארויסצודראפען מיט די נעגל פון די גשמיות'דיגע און רוחניות'דיגע סכנות, איז מיט דאנק צום באשעפער שוין דאָ זעקס דורות, טויזנטער אייניקלעך, ווען פון זיי אלע האָט קיין איינער נישט פארקירעוועט פון דרך הישר. דער באשעפער זאל העלפן אויף ווייטער.

## וויאזוי האט די באבע זיך אן עצה געגעבן מיט איר געבורט-פעלער אויף דער האנט?

זי איז געווען געשיקטער ווי אנדערע מיט צוויי הענט. ס'איז צום באוואונדערן וויאזוי דער אויבערשטער פארגיטיגט א מענטש מיט זיינע פעלערן; איר איין געלונגענע האנט איז געווען ווי צוויי רעכטע הענט וואס האט איר פארגיטיגט איר שוואכקייט. זי האט געפירט א מוסטערהאפטיגע שטוב ווערטשאפט, איר הויז האט געטאקט און געגלאנצט, די קינדער זענען געגאנגען אנגעטון שמעקעדיג ריין, איר הערליכע האנט-ארבעט, איר מוסטערהאפטיגע עמברוידערי (embroidery) און שיינע דעקאראציעס זענען געווען א מייסטערווערק.

נישט אלעמאל איז איר טאקע גרינג אנגעקומען זיך צו באפארען מיט איין האנט, אבער מיט איר אייזערנעם רצון האט זי עס געבראכן. צב"ש, שיילן גרינצייג איז איר געווען באַזונדער שווער ווייל מען ברויך האבן צוויי פעאיגע הענט דערצו, אבער ווער ס'האט געזען די פולע טעפ וואס זענען ארויס פון איר קאך וואלט קיינמאל נישט גע'חלומ'ט אז די קעכערקע איז אן אינוואליד. זי פלעגט אנלאנען די גרינצייג אויפ'ן קאנטער מיט דער אומפאיגער האנט און מיט דער געזונטער האנט האט זי געשיילט. עס האט טאקע גענומען לענגער אבער זי האט זיך נישט געיאגט, נאר מיט געדולד געטון א שלימות'דיגע ארבעט.

אפילו אלס קינד האט זי מיט אירע געשיקטע הענט זיך אן עצה געגעבן אין לעבן מער ווי א נארמאל קינד. טראץ איר פעלער האט מען בכלל נישט געמאכט קיין וועזן דערפון; איר מאמע האט איר נישט געגעבן א פלאץ זיך ארויסצודרייען פון אירע פליכטן מיט תירוצים.

אמאל אין א געלעגנהייט האט באבעשי דערציילט פאר אירע טעכטער וויאזוי זי איז אנגעקומען צו מקבל זיין איר מצב מיט א פשטות און שמחת החיים. ווען זי איז געווען א יונגע מיידל האט איר מאמע, מיט אירע ווייטזעענדיגע אויגן, איר געבעטן צו טון א חסד און גיין ארויסהעלפן אין א קינדערהיים פון יתומות. "ס'איז נישטא דארט ווער ס'זאל העלפן צוגרייטן דאס עסן פאר די אומשולדיגע קינדער," האט זי איר באאיינפלוסט. באבעשי מיט איר ווארעם הארץ האט זיי נישט געקענט אפזאגן. אין דער שטוב פון חסד 24 שעה אַ טאג, וואו זי איז אויפגעוואקסן, איז דער געדאנק פון ארבעטן אין א קינדערהיים געווען א זעלבסט-פארשטענדליכע זאך.

אלזא, האט זי אנגענומען די ארבעט, אבער איר אנטוישונג האט נישט געשפעטיגט צו קומען. געמיינט האט זי אז זי וועט דארט אויספירן לייכטע פליכטן, ווי טיש-דעקן צום עסן, זיך שפילן מיט די קינדער און אינאיינוועגס הנאה האבן פון דער ארבעט. וואס זי האט אבער נישט געוואוסט איז, אז איר מאמע האט אויפמערקזאם געמאכט פאר די אנגעשטעלטע אין מוסד אז מען זאל איר נישט אפשוינען וועגן איר באגרעניצונג, נאר איר געבן פליכטן אזויווי א נארמאלע מיידל קען טון.

און זיי האבן ערליך אויסגעפירט די באבע'ס הערה און אינאיינוועגס געהאט א פיינע העלפער... מען האט איר געגעבן צו ארבעטן אין קאך, שטיין צוהילף מיט אלע סארט געהעריגע פליכטן, ווי שיילן גרינצייג, שניידן, וואשן כלים און-דאס-גלייכן.

״מיר גייען אלע צחאמען. קיין איינער גייט נישט אליין אין קיין שום ארט!“ דאס איז געווען מיין תנאי לכתחילה און ס'האט זיך נישט געטוישט.